**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט ברייטע פלאן צו פאררעכטן ניו יארק סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם

***טראנספארמאטיווע פלאן וועט פארגרעסערן קאפאציטעט פאר אינפעישענט פסיכיאטרישע באהאנדלונג אנשטאלטן מיט 1,000 בעטן און צולייגן 3,500 הייזער יוניטס פאר מענטשן מיט גייסטישע קראנקהייטן***

***גאווערנער רופט פאר סיסטעמאטישע פאראנטווארטליכקייט פאר גייסטישע געזונטהייט ביים אריינגעמען און באפרייען פאציענטן פון שפיטאל; דראמאטישע פארברייטערונג פון אַוטפּעישענט סערוויסעס און אינשורענס דעקונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט – אלץ טייל פון די 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע – א ברייטע פלאן צו איבעראַרבעטן ניו יארק'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם און דראסטיש רעדוצירן די צאל מענטשן מיט נישט-נאכגעקומענע גייסטישע געזונטהייט געברויכן אריבער די סטעיט. די פלאן פאר עטליכע יאר פאראויס רעכנט אריין דאס פארגרעסערונג פון אפעראציע קאפאציטעט מיט 1,000 בעטן פאר אינפעישענט פסיכיאטרישע באהאנדלונג אנשטאלטן, אויפבויען 3,500 הייזער יוניטס פאר ניו יארקער מיט גייסטישע קראנקהייטן, פארמערן אינשורענס דעקונג פאר גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס, דראמאטיש פארברייטערן אַוטפּעישענט (אינדרויסן פון אנשטאלטן) סערוויסעס און אוועקשטעלן סיסטעמאטישע פאראנטווארטליכקייט ביים אריינגעמען און באפרייען פאציענטן פון שפיטאל צו בעסער אדרעסירן די באדערפענישן פון מענטשן וועלכע ליידן פון גייסטישע געזונטהייט. די פארשלאגן וועלן מיט די צייט זיין אן אינוועסטירונג פון איבער 1 ביליאן דאלאר אין גייסטישע געזונטהייט.

"ווען עס קומט צו באשיצן ניו יארקער'ס וואוילזיין, איז דאס פארשטערקערן אונזער גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם קריטיש וויכטיג און שוין פון לאנג נויטיג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פאר אזוי לאנג האבן מיר נישט גענוג אינוועסטירט אין גייסטישע געזונטהייט קעיר, און מיר האבן ערלויבט די צושטאנד צו ווערן אזוי ענג אזש עס איז געווארן א זיכערהייט קריזיס אויך פאר די פובליק. די פארשלאג צייכנט אפ א מהפכה צו זיכער מאכן אז קיינער ווערט נישט פארגעסן פון הונטן און צו סוף כל סוף פולקאם נאכקומען די גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן פון אלע ניו יארקער."

גאווערנער האקול וועט פונדאסניי אויסארבעטן די סטעיט'ס צוגאנג צו גייסטישע געזונטהייט מיט א ברייטע רייע פון אינוועסטירונגען און פאליסי ענדערונגען מיט די ציהל צו טראנספארמירן אלע חלקים פון די גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם, אנגעהויבן פון פארמיידונג ביז באהאנדלונג און ערהוילונג. דאס רעכנט אריין:

- **פארגרעסערן קאפאציטעט פאר אינפעישענט פסיכיאטרישע באהאנדלונג אנשטאלטן מיט 1,000 בעטן:** דורכאויס די קאוויד-19 פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי האט די סטעיט

ערלויבט שפּיטעלער צו מאכן נויטיגע באשלוסן וואס האט געפירט צו שפּיטעלער אראפּנעמנדיג בעטן פון זייערע פּסיכיאטרישע דעפּארטמענטס אפילו אין די צייט וואס די סערטיפיקאט איז געבליבן מיט די זעלבע צאל בעטן. גאווערנער האקול וועט פארלאנגען פון קאמיוניטי שפּיטעלער מיט געזעצליכע סטאטוס אונטער ארטיקל 28 צו באלד צוריקברענגען 850 בעטן אין פּסיכיאטרישע דעפּארטמענטס וועלכע זענען יעצט נישט אין דינסט. א נייער געזעץ וועט ערלויבן די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) צו גיבן א קנס פאר קאמיוניטי שפּיטעלער אונטער ארטיקל 28 מיט ביז אזויפיל פון $2,000 פער פארלעצונג פער טאג פארן נישט נאכקומען די צאל פּסיכיאטרישע בעטן וואס איז אויסגערעכנט אין זייער אפערעיטינג סערטיפיקאט. די סטעיט וועט אויך עפענען 150 נייע בעטן פאר ערוואקסענע אין סטעיט-אנגעפירטע פּסיכיאטרישע שפּיטעלער, אריינרעכנענדיג 100 אין ניו יארק סיטי אליין — דאס אין צוגאב צו די 50 בעטן וואס די גאווערנער האט אנאנסירט לעצטע נאוועמבער.

- **בויען 3,500 נייע האוזינג יוניטס פאר מענטשן מיט גייסטישע קראנקהייטן:** גאווערנער האקול וועט מאכן א מאסיווע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און צושטעלן די נויטיגע אויפהאלטונג געלטער פאר 3,500 נייע וואוינונג יוניטס וועלכע דינען ניו יארקער מיט גייסטישע קראנקהייטן. ספּעציפיש רופט די פּלאן פאר:
  - 500 איין-צימערדיגע יוניטס אין די קאמיוניטי וואס וועלן צוגעשטעלט ווערן פאר האוזינג און אינטענסיווע סערוויסעס פאר מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן און וועלכע זענען אין די העכסטע סכנה פון זיין היימלאז.
    - 900 צייטווייליגע אריבערגאנג יוניטס צו העלפן מענטשן זיך צוריק צו איינגעוואוינען צו וואוינען אין די קאמיוניטי נאכן זיין אנגעוויזן אויף פארשידענע שטאפּלען פון קעיר.
    - 600 לייסענסירטע אפּארטמענט יוניטס פאר מענטשן וועלכע דארפן צוקומען צו א מעסיגע שטאפּל פון סערוויסעס כדי צו קענען וואוינען אינערהאלב די קאמיוניטי.
    - 1,500 שטיצנדע האוזינג יוניטס פאר מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן, צוטיילט צווישן רענטעל יוניטס פארשפּרייט ארום געגנטער וועלכע קענען שנעלערהייט געעפנט ווערן און צווישן נייע קאנסטרוקציע אדער רענאווירטע געביידעס צו פארענדיגט ווערן אין לויף פון די קומענדיגע פינף יאר.

**<u>פארמערן סיסטעמאטישע פאראנטווארטליכקייט און פּלאנירונג פאר גייסטישע געזונטהייט ביים אריינגעמען און באפרייען פאציענטן פון שפּיטעלער</u>**

- גאווערנער האקול שלאגט פאר א רייע פון פּאליסי ענדערונגען און אינוועסטירונגען צו אוועקשטעלן סיסטעמאטישע פאראנטווארטליכקייט ביים אריינעמען און באפרייען פאציענטן פון שפּיטעלער, אריינרעכנענדיג פאדערונגען אז שפּיטעלער זאלן אריינעמען פאציענטן וועלכע נויטיגן זיך אין קעיר מיט אחריות, מיט נייע ברייטע סטאנדארטן פאר די אפּשאצונג פון א פאציענט'ס צושטאנד און מער אויפזיכט אויף די סטיעט שטאפּל צו פארזיכערן אז נייע פּראטאקאלן ווערן גענוצט עפעקטיווערהייט; צו זיכער מאכן אז עמערדזשענסי רומס און אינפּעישענט אנשטאלטן באפרייען מענטשן וועלכע בלייבן אין גרויסע סכנה און מיט א סאך באדערפענישן צו א פּלאץ וואו זיי קענען באלד באקומען סערוויסעס פאר אלעס וואס זיי דארפן; און אזוי אויך אַוטפּעישענט פּראגראמען צו צושטעלן באלדיגע און אנגייענדע אפּוינטמענטס פאר מענטשן אין א הויכע סכנה דורכאויס די גאנצע באפרייאונג פּראצעדור. די פּלאן רופט אויך צו אוועקשטעלן 50 נייע קריטישע צייט אינטערווענץ (Critical Time Intervention) מאנשאפטן צו צושטעלן סערוויסעס פאר אלעס וואס באפרייטע פאציענטן דארפן — פון האוזינג ביז שטיצע מיט א דזשאב.

- **דראמאטיש פארברייטערן אַוטפּעישענט סערוויסעס:** גאווערנער האקול'ס פלאן וועט באדייטנד פארברייטערן א ברייטע רייע פון אַוטפּעישענט סערוויסעס צו פארברייטערן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט קעיר, עס וועט רעדוצירן די צייט ווי לאנג מען דארףווארטן פאר אפּוינטמענטס און פארזיכערן צופרידנשטעלנדע סטאנדארטן פון קעיר. ספעציפיש רעכט די פלאן אריין צו צולייגן:
  - 12 ברייטע פסיכיאטרישע עמערדזשענסי פראגראמען, צושטעלנדיג קריזיס קעיר ביי די שפיטאל שטאפל ארום ניו יארק סטעיט.
  - 42 'אסערטיווע קאמיוניטי באהאנדלונג' מאנשאפטן צו צושטעלן אינטענסיווע סערוויסעס אויף רעדער פאר ניו יארק סיטי וועלכע זענען די מערסטע וואקלדיג מיט 22 נייע מאנשאפטן אין ניו יארק סיטי און 20 אין די רעשט פון די סטעיט.
  - 26 סערטיפייד קאמיוניטי אויפפירונג געזונטהייט קליניקס צו צושטעלן באלדיגע ברייע אויפפירונג געזונטהייט קעיר אן אפּוינטמענטס, צושטעלנדיג סערוויסעס פאר גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ קראנקהייט פאר ניו יארקער אין יעדע עלטער, מיט אדער אן אינשורענס, צוזאמען מיט א קאסע פאר נויטבאדערפטיגע מענטשן צו פארזיכערן צוטריט אפגעזעהן פון מעגליכקייט צו באצאלן. דאס וועט טריפלען די צאל פון סערטיפייד קאמיוניטי אויפפירונג געזונטהייט קליניקס אין ניו יארק סטעיט פון 13 צו 39, דינענדיג בערך 200,000 ניו יארקער.
  - אכט 'זיכערע אפציעס שטיצע' מאנשאפטן צו ארבעטן מיט היימלאזע באפעלקערונגען מיט גייסטישע קראנקהייטן און דראג באנוץ קראנקהייטן און זיי פארבינדן מיט סערוויסעס, מיט פינף נייע מאנשאפטן אין ניו יארק סיטי און דריי אין די רעשט פון די סטעיט. דאס וועט ארויפבויען אויף די 'זיכערע אפציעס שטיצע' מאנשאפטן וואס גאווערנער האקול האט צום ערשט פארגעשטעלט אין די לעצטע יאריגע 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע און זענען יעצט שוין אין אפעראציע אין ניו יארק סיטי.
  - 20 גייסטישע געזונטהייט קליניקס אונטער ארטיקל 31 מיט פארברייטערטע קאפאציטעט צו צושטעלן קעיר פאר די שוואכסטע ניו יארקער — די סארט קליניקס וואס דינען אפט אלץ די ערשטע סטאנציע פאר גייסטישע געזונטהייט סערוויס אין קאמיוניטיס ארום די סטעיט.
  - Health Home Plus קעיר מענעדזשמענט צו צושטעלן הילף פאר מענטשן מיט גייסטישע קראנקהייטן ווען זיי זוכן צו באקומען סערוויסעס וואס זיי דארפן, אויפנעמנדיג צענדליגע נייע קעיר מענעדזשערס צו דינען מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן.
- **פארברייטערן אינשורענס דעקונג פאר גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס:** די פלאן וועט פארמאכן לעכער אין אינשורענס דעקונג פאר גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס. דאס רעכנט אריין פארבאטן אינשורענס פירמעס פון צוריקווייזן צוטריט צו מעדיציניש-נויטיגע, וויכטיגע, עמערדזשענסי און קריזיס גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס, פאר ערוואקסענע און קינדער, פארברייטערנדיג קאמערציעלע און מעדיקעיד דעקונג פון גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס צו פארבעסערן די וואוילזיין און ערפאלג פון מענטשן איינמאל זיי פארלאזן שפיטעלער אדער עמערדזשענסי רומס. די פלאן וועט אויך אוועקשטעלן די סטאנדארטן פאר ווי אפט און וואו אויסגעשפרייט אפּוינטמענטס דארפן זיין צוגענגליכקייט פאר אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס צו פארזיכערן אז ניו יארקער האבן צוטריט צו באהאנדלונג פון פראפעסיאנאלן וועלכע זענען אין זייער אינשורענס נעטווארק און צו פארזיכערן צוטריט צו אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס, צו עס איז דורך פערזענליכע אפּוינטמענטס אדער איבער די טעלעפאן.

**<u>פארברייטערן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר סקול קינדער</u>**

- גאווערנער האקול שלאגט פאר אז גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס זאלן פארברייטערט ווערן אין סקולס דורכן פארגרעסערן מעדיקעיד באצאלונג ראטעס פאר סקול-באזירטע קליניק אפטיילונגען און סקול-באזירטע סערוויסעס צו גיבן א שטופ פאר ווייטערדיגע אנטוויקלונג פון די קריטישע קעיר. אין צוגאב וועט די גאווערנער פארשלאגן א געזעץ וואס פארלאנגט פון קאמערציעלע אינשורענס פירמעס צו באצאלן פאר סקול-באזירטע סערוויסעס אויף א שטאפל וואס איז גלייך צו די העכערע באצאלנדע מעדיקעיד ראטע צו פארזיכערן אז אלע קינדער באקומען צייטליכע צוטריט. די פלאן רעכנט אויך אריין א יערליכע אינוועסטירונג צו צושטעלן די ערשטיגע געלטער וועלכע זענען נויטיג צו באקומען נייע און פארברייטערטע סקול סערוויסעס אין אפעראציע שנעלערהייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418